**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/25/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פייערט פארענדיגונג פון 47.6 מיליאן דאלארדיגע בריק דעק ערזעצונג און איבערמאכונג פראיעקט אויף די קעסטלטאן-אָן-האדסאן בריק

***קעסטלטאן-אָן-האדסאן בריק איז א הויפט פארבינדונג צווישן רענסעליער און אלבאני קאונטיס און דינט מער פון 6.2 מיליאן קארן יערליך***

***פראיעקט פארענדיגט אין צייט און אונטער בודזשעט***

***צווייטער פראיעקט צו ערזעצן דעק אין מזרח ריכטונג ערווארטעט זיך אנצוהויבן אין 2024 אויסנוצנדיג [21 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע גרענט](#) געשאנקען אלץ טייל פון דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג – אין צייט און אונטער די בודזשעט – פון א גרויסארטיגע 47.6 מיליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקט אויף די אייקאנישע איין-מייל-לאנגע קעסטלטאן-אָן-האדסאן בריק העכער די האדסאן ריווער צווישן אלבאני און רענסעליער קאונטיס. דער דריי-יאריגער פראיעקט האט אריינגערעכנט די פולשטענדיגע ערזעצונג פון די דעק פון די רייזע לעינס אין מערב ריכטונג און פאררעכטונגען פון די דעק און ארויפלייגן א שיכט פון פעך אויף די רייזע לעינס אין מזרח ריכטונג, און אזוי אויך פאררעכטונגען פון שטאלענע חלקים פון די בריק, ערזעצונג פון די אפטיילנדע שטח צווישן די קעגנזייטיגע לעינס און אנדערע זיכערהייט פארבעסערונגען.

"ניו יארק זעצט פאר צו מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען צו צוריק אויפבויען און פארשטערקערן אונזער טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור אריבער אונזער סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "טויזנטע ניו יארקער און פירמעס פארלאזן זיך אויף די קעסטלטאן-אָן-האדסאן בריק יעדן טאג. מיט דעם איבערמאכונג פראיעקט יעצט פארטיג, קען די וויכטיגע אריבערגאנג בעסער באדינען און פארבינדן קאמיוניטיס אין די ראיאן פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

די קעסטלטאן-אָן-האדסאן בריק – ברייטער באקאנט אלס די קעסלטאן בריק – האט זיך געעפנט פאר טראפיק אין 1958, און עס שפרייט זיך אויס איבער אומגעפער איין מייל אין די לענג, פארבינדניג די בערקשיר שאסיי צו די הויפט שאסיי פון די טרו-וועי. אומגעפער 6.2 מיליאן קארן פער יאר – אדער 17,000 פער טאג – פארן אריבער די אייקאנישע בלויע שטאלענע בריק וואס פארבינדט אלבאני און רענסעליער קאונטיס העכער די האדסאן ריווער.

ווי אנאנסירט אין [אפריל פון 2023](#), איז די טרו-וועי אויטאריטעט געשאנקען געווארן א 21 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע גרענט אלס טייל פון די פאראייניגטע שטאטן טראנספארטאציע דעפארטמענט'ס פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע בריק אינוועסטירונג פראגראם – צו שטיצן די אויפרעכטונג פון די קעסטלטאן-אָן-האדסאן בריק. די גרענט וועט דעקן די קאסטן פון א צווייטער פראיעקט צו פולשטענדיג

ערזעצן די מזרח-ריכטונג בריק דעק און צו אדרעסירן פאררעכטונגען צו די שטאלענע חלקים און אויפהאלטונג זיכערהייט מאסנאמען. די 21 מיליאן דאלארדיגע גרענט וועט דירעקט גענוצט ווערן צו דעקן די קאסטן פון ערזעצן די מזרח-ריכטונג בריק דעק וואס איז ערווארטעט צו אפקאסטן אומגעפער 30 מיליאן דאלאר. עס איז ערווארטעט צו אנגעהויבן ווערן אין פרילינג פון 2024.

מיט די פארענדיגונג פון די צוויי פראיעקטן וועלן די יארן ווי לאנג די סטרוקטור איז ערווארטעט צו בלייבן אין דינסט פארלענגערט ווערן מיט 50 יאר.

**טרו-ווײ אויטאריטעט צייטווייליגער עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פרענק האָור, האט געזאגט,** "די טרו-ווײ אויטאריטעט אינוועסטירט צוריק די טאל דאלארן אין טראנספארמאטיווע פראיעקטן וועלכע בויען צוריק אויף און מאדערניזירן א טראנספארטאציע סיסטעם וואס איז נאענט צו 70 יאר אלט. פראיעקטן ווי די קעסטלטאן-אָן-האדסאן בריק איבערמאכונג פארבעסערן רייזעס פאר מיליאנען מענטשן יעדעס יאר און פארשטערקערן פארבינדונג און ראיאנישע עקאנאמיעס. מיר קוקן ארויס צו אנהויבן די צווייטע שטאפל פון קאנסטרוקציע קומענדיגע יאר דורכן ערזעצן די מזרח-ריכטונג בריק דעק לעינס נוצנדיג די 21 מיליאן דאלארדיגע גרענט וואס איז געשאנקען געווארן דורך דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ (Bipartisan Infrastructure Law) דורך די פאראייניגטע שטאטן טראנספארטאציע דעפּארטמענט און די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע, און מיר זענען פאר צו זוכן די געלעגנהייט צו אפּלייען פאר- און באקומען נאך פעדעראלע געלטער."

**סענאטאר טשאק שומער האט געזאגט,** "די רייזע צווישן אלבאני און רענסעליער קאונטיס פאר הויפטשטאט ראיאן איינוואוינער איז נארוואס געווארן פיל גלאטער. די קעסטלטאן-אָן-האדסאן בריק איז א וויכטיגע פארבינדונג אין די הויפטשטאט דיסטריקט, אבער פאר לאנגע יארן האט די צופאלנדע אינפראסטרוקטור געשטעלט רייזנדע אין סכנה און עס האט צוריקגעהאלטן עקאנאמישע אנטוויקלונג. איך בין שטאלץ צו האבן אהערגעשטעלט די צענדליגע מיליאנען אין פעדעראלע געלטער דורך דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ צו ענדליך העלפן פארמאכן די לעכער צו פארענדיגן דאס איבערמאכונג פון די קעסטלטאן-אָן-האדסאן בריק. די וויכטיגע פאררעכטונגען וועלן העלפן פארלענגערן די יארן ווי לאנג די קריטישע פארבינדונג וועט בלייבן אין דינסט מיט מער פון 50 יאר — שאפנדיג שיין-באצאלטע דזשאבס, פארשטערקערנדיג די לאקאלע עקאנאמיע און גיבנדיג פאר רייזנדע א זיכערערע טעגליכע רייזע יעדן טאג אין די הויפטשטאט ראיאן."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאו האט געזאגט,** "די קעסטלטאן-אָן-האדסאן בריק איז א קריטישע שטיקל אינפראסטרוקטור וואס פארבינדט אונזערע קאמיוניטיס, און איך בין גאר באגייסטערט צו זעהן פארשריט ווערנדיג געמאכט צו פארזיכערן די צוקונפט דערפון. אין אפריל בין איך שטאלץ געווען צו אויפנעמען סעקרעטערי בוטידזשעדזש צו די הויפטשטאט ראיאן צו אנאנסירן די פינאנצירונג וואס האט ערמעגליכט דעם פראיעקט. יעצט, א דאנק אינוועסטירונגען פון דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ, וועט די בריק בלייבט זיכער און פארלעסליך פאר פילע יארן אין די צוקונפט, שטיצנדיג די באוועגונג פון סחורות און מענטשן אין די הויפטשטאט ראיאן און נאך ווייטער. דאס איז א גרויסע געווינס פאר אונזער ראיאן, אונזערע קאמיוניטיס און זייערע איינוואוינער, און איך קוק ארויס צו פארזעצן אונזער ארבעט צו ברענגען אינוועסטירונגען היטן אויף אונזער ראיאן'ס סטאטוס אלץ א בליהענדע צענטער פון עקאנאמישע אקטיוויטעט."

**סטעיט סענאטאר ניעל ברעסלין האט געזאגט,** "די קעסטלטאן-אָן-האדסאן בריק איז א קריטישע פארבינדונג צווישן די אלבאני און רענסעליער קאונטיס און קריטיש צו נאכקומען סיי די טראנספארטאציע און סיי די עקאנאמישע באדערפענישן פון די הויפטשטאט דיסטריקט. איך אפלאדיר גאווערנער האקול, צוזאמען מיט די NYS טרו-ווײ אויטאריטעט, פאר זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז אלע אונזערע טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור באדערפענישן ווערן ערפילט."

**סטעיט סענאטאר דזשעיקאב עשבי האט געזאגט,** "מיליאנען דרייווערס וועלן זיין פרייליך צו וויסן אז די קריטישע פאררעכטונגען זענען פארענדיגט געווארן. די קעסטלטאן בריק איז קריטישע אינפראסטרוקטור. דאס איז געווען א וויכטיגע אינוועסטירונג אין אונזער ראיאנישע עקאנאמיע און אין זיכערע טראנספארטאציע, און איך בין גאר באגייסטערט עס צו שטיצן."

**אסעמבלי מיטגליד קריס טעיג האט געזאגט,** "נאך דריי יאר זענען די 47.6 מיליאן דאלארדיגע פארבעסערונגען צו די קעסטלטאן בריק ענדליך פארטיג. זינט 1958 האט די בריק געדינט אלץ א הויפט פארבינדונג צווישן די רענסעליער און אלבאני קאונטיס, דינענדיג בערך 6.2 מיליאן קארן פער יאר. די מאדערניזירונגען זענען צו לאנג אפגעשטופט געווארן. מיר זענען דאנקבאר אז מיר האבן בוכשטאבליך געשאפן א בריק צווישן קאמיוניטיס און פארבעסערט אונזער אינפראסטרוקטור, שאפנדיג א זיכערערע און מער צוגענגליכע ניו יארק."

**אסעמבלי מיטגליד סקאט בענעדיקט האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט'ס פארענדיגונג פון דעם 47.6 מיליאן דאלארדיגן בריק דעק ערזעצונג און איבערמאכונג פראיעקט פאר די קעסטלטאן-אָן-האדסאן בריק איז א גרויסע געווינס פארביידע — די רענסעליער און אלבאני קאונטיס. אזויפיל מענטשן אין אונזערע אפסטעיט קאמיוניטיס פארלאזן זיך אויף די בריק אויף א טעגליכע באזיס, און מיט די פארענדיגונג פון די איבערמאכונג באמיאונגען וועלכע קאכן זיך שוין פאר דריי יאר, וועט די בריק פארזעצן צו שטיין פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**אלבאני קאונטי עקזעקיוטיוו דעניעל פּ. מעקאָי האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט צו זעהן די רענאוואציע פון א וויכטיגע שטיקל אינפראסטרוקטור פארענדיגט. טויזנטע איינוואוינער פון קאָואימענס און אריבער גאנץ אלבאני קאונטי פארלאזן זיך דערויף יעדן טאג צו אריבערפארן די האדסאן, און עס קומט זיך זיי צו וויסן אז זייערע בריקן זענען זיכער און אין א צושטאנד פון א הויכע קוואליטעט. דאס איז א וויכטיגע ערריייכונג, און איך וויל באדאנקען די סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט פארן זיכער מאכן אנצוקומען אהער."

L&T Construction פון ריטשמאָנד, ניו יארק (סקאָוהערי קאונטי), איז געווען די פראיעקט קאנטראקטאר אין די ערשטע שטאפל פון דעם פראיעקט. די אויטאריטעט'ס באשטעטיגטע 2023 בודזשעט אינוועסטירט א סך הכל פון 413 מיליאן דאלאר צו שטיצן איר אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונגען פראגראם, וואס פלאנירט צו אינוועסטירן 1.9 ביליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן ביז 2027. אין 2022 האבן דרייווערס געמאכט מער פון 376 מיליאן רייזעס און געפארן 7.7 ביליאן מייל אויף די טרו-וועי סיסטעם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418